# „יוגנטרוף" ידיעות

דעם 7טן דעצעמבער 1965

חשובער רעדאַקטאָר
י. רובינשטיין,

איך בעט אייך אָפּדרוקן אין נאָענטסטן נומער „יידישע נייעס" אונדזערע „ידיעות, אויך דעם בריוו צו אונדז פון „יוגנטרוף" סעקרעטאַר, דורך דעם בריוו קענען זיך טאַטע־מאַמעס און יוגנטלעכע דערוויסן וואָס ביי אונדז טוט זיך.

מיר דאַנקען אייך
און בלייבן מיט דרך־ארץ
פאַר „יוגנטרוף"
**בעלאַ זינגער.**

---

## „יוגנטרוף ידיעות"

צוליב די עקזאַמענס אין די אוניווערסיטעטן — די יוגנטרופלער זענען כמעט אַלע סטודענטן — איז דער צוזאַמענטרעף ביים דר. בערגער אָפּגעלייגט געוואָרן אויף א שפּעטערער דאַטע. דערווייל וועלן מיר זיך טרעפן צווישן זיך אויף שמועסן און אויף צוצוגרייטן א ניי־יאָר אַרבעט אין „יוגנטרוף" טעטיקייט.

יוגנטרופלער! כל־זמן איר האָט צייט, ביז די לימודים אויף די אוניווערסיטעטן הייבן זיך ווידער אָן, נוצט אויס די צייט אויף צו געווינען נייע יוגנטרופלער, יוגנטלעכע וואָס קענען יידיש און ווילן העלפן ביי אונדזער אַרבעט.

פאַר „יוגנטרוף"
**בעלאַ זינגער.**

---

דעם 11טן נאָוועמבער 1965.

ליבע חברים פונעם
סידנעיער יוגנטרוף!

וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך? צי האָט איר צוגעצויגן נייע מיטגלידער? ווי גייען די זיצונגען?

ביי אונדז טוט זיך מעשים. אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע). האָבן מיר געשאַפן א קאָמיטעט פון 18 יונגע לייט אונטער דער פאָרזיצערשאַפט פון משה פרידמאַן. אין ניו־יאָרק האָט זיך געגרינדעט א יוגנטרוף פאָלקסגעזאַנג־גרופּע. אין מאָנטרעאָל אַרבעט מען אויף א פּרץ־אָוונט. דער פערטער נומער פונעם פערטל־יאָר־שריפט אונזערן איז דערשינען. איר וועט אים אין גיכן דערהאַלטן. דעם 27 דעצעמבער קומט פאָר דער צווייטער יערלעכער צוזאַמענטרעף פונעם יוגנטרוף אין ניו־יאָרק. און טאַקע וועגן דעם וויל איך איצט שרייבן.

דער צוזאַמענפאָר איז דער הויפּט־פּונקט פון א יאָר אַרבעט. עס קומען זיך צונויף אַלע מיטגלידער, סיי די אַקטיווע, סיי די פּעריפעריע. עס קומען

רוף־קאָמיטעט איז מחויב אָנצושרייבן א פולן באַריכט פון זיינע אויפטוען במשך פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר. געוויינטלעך ווערט דער באַריכט געלייענט פון א מיטגליד פונעם דאָזיקן קאָמיטעט. אין אייער פאַל איז דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט מעגלעך. איר וועט דאַרפן צושיקן אייער באַריכט קיין ניו־יאָרק און עמעצער וועט אים פאָרלייענען דעם 27טן דעצעמבער. אינעם באַריכט דאַרפן אַריינגיין אַלע וויכטיקע פאַקטן וועגן אייער געלונגענעם קאָמיטעט: די צאָל מיטגלידער, די פירער, דער בעל־יועץ, די פּראָגראַמען אייערע, ווי אָפט מען טרעפט זיך, דאָס אָרט, ספּעציעלע אונטערנעמונגען און פּלענער פאַרן קומענדיקן יאָר. דער באַריכט קען זיין ווי לאַנג איר ווילט אים נאָר מאַכן. ער מוז אָנקומען אין ניו־יאָרק פאַרן 22טן דעצעמבער.

און נאָך א וויכטיקע זאַך. אינעם 4טן נומער ווערט פאַרשריבן, אַז איר העלפט אַרויסגעבן דעם זשורנאַל. ד"ה, אַז מיר אָנערקענען אייך ווי אַן אָפיציעלער צווייג פון דער באַוועגונג. אָבער ווי אַן אָפיציעלער טייל פונעם יוגנטרוף האָט איר התחייבותן נישט נאָר צו דער אַלגעמיינער יידישער וועלט, נאָר אויך ספּעציעלע התחייבותן צום צענטראַלן קאָמיטעט אין ניו־יאָרק. איך רעד דאָ וועגן געלט. א זשורנאַל ווערט נישט געדרוקט מיט אידעאַלן נאָר מיט פּאַפּיר. פּאַפּיר קאָסט געלט, דרוקן, אַרויסשיקן קאָסט געלט. איר מוזט אונדז אַרויסהעלפן. שאַפט אַבאָנענטן אוןביישטייערונגען פאַרן יוגנטרוף, אין קאַנאַדער דאָלאַרן רעכענען מיר $2.25 א יאָר (פאַר פיר נומערן) און $1.25 פאַר יוגנטלעכע. איך ווייס ניט צי אייער דאָלאַר (איר אַרבעט איצט אויף דאָלאַרן, ניין?) איז גלייך צו אונדזערן. דאַרפט איר אַליין אויסרעכענען וויפל דאָס קומט אויס אין אייער געלט. די נעמען פון אַלע אַבאָנענטן וואָס גיבן איבער $2.25 ווערן געדרוקט אינעם זשורנאַל. איינצלנע קאָפּיעס פאַרקויפן זיך פאַר 50 סענט און 25 סענט פאַר יוגנטלעכע. שרייבט אונדז וויפל עקזעמפּלאַרן איר ווילט באַקומען. אין מאָנטרעאָל און ניו־יאָרק פאַרקויפן מיר דעם י"ר ביי אַלע יידישע קולטור־אונטערנעמונגען. נישט נאָר כאַפּט זיי דער עולם אויף ווי לאַטקעס, נאָר אונדזער נאָמען ווערט אויך אַזוי פאַרשפּרייט.

איך בין געוועזן זייער איבעראַשט צו זען מיין ערשטן בריוו

פון טויזנט יאָר, א ליטעראַטור וואָס שפּיגלט אָפּ די פּראָבלעמען פון יידן און פון דער מענטשהייט בכלל, אין אַלע צייטן, מיר ווילן זיך טיילן מיט אונדזער אוצר.

ליבע חברים פון סידנעי, איך באַגריס אייך אין נאָמען פון אַלע יוגנטרופניקעס. כאָטש מיר האָבן זיך נאָך נישט געטראָפן, פילן מיר זיך זייער נאָענט צו אייך. אייערע פּראָבלעמען זענען אונדזערע; אונדזערע דערגרייכונגען — אייערע. מיר פרייען זיך מיט אייך און מיר אַרבעטן צוזאַמען מיט אייך. די ימען מיינען גאָרנישט. ביי אונדז עקזיסטירן נישט קיין לענדער, קיין קאָנטינענטן. מיר זענען תמיד פאַראייניקט.

אַל דאָס גוטס,

מיט ברידערלעכן גרוס,

דוד־הערש ראָסקעס
פאַרן יוגנטרוף.

האָט צייט, ביז די לימודים אויף די אוניווערסיטעטן הייבן זיך ווידער אָן, נוצט אויס די צייט אויף צו געווינען נייע יוגנטרופלער, יוגנטלעכע וואָס קענען יידיש און ווילן העלפן ביי אונדזער ארבעט.

פאר „יוגנטרוף"
בעלא זינגער.

---

דעם 11טן נאָוועמבער 1965.

ליבע חברים פונעם
סידנעיער יוגנטרוף!

וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך? צי האָט איר צוגעצויגן נייע מיטגלידער? ווי גייען די זיצונגען?

ביי אונדז טוט זיך מעשים. אין טאָראָנטאָ (קאנאדע). האָבן מיר געשאַפן א קאָמיטעט פון 18 יונגע לייט אונטער דער פאָרזיצערשאַפט פון משה פרידמאן. אין ניו־יאָרק האָט זיך געגרינדעט א יוגנטרוף פאָלקסגעזאַנג־גרופּע. אין מאָנטרעאָל ארבעט מען אויף א פרץ־אָוונט. דער פערטער נומער פונעם פערטל־יאָר־שריפט אונזערן איז דערשינען. איר וועט אים אין גיכן דערהאַלטן. דעם 27 דעצעמבער קומט פאָר דער צווייטער יערלעכער צוזאמענטרעף פונעם יוגנטרוף אין ניו־יאָרק. און טאַקע וועגן דעם וויל איך איצט שרייבן.

דער צוזאמענפאָר איז דער הויפּט־פּונקט פון א יאָר ארבעט. עס קומען זיך צונויף אלע מיטגלידער, סיי די אקטיווע, סיי די פּעריפעריע. עס קומען אויך פאָרשטייער פון דער יידישער פּרעסע און פון דער יידישער קולטור־וועלט. ברוך שעפנער איז ביי״געווען ביים ערשטן צוזאמענפאָר. די זיצונגען זענען שטענדיק אינטערעסאַנט. מע הערט רעפעראטן, באַריכטן, און פּלענער פארן נייעם יאָר. די דיסקוסיעס זענען זייער לעבעדיק. איר קענט זיך נישט פאָרשטעלן וויפל פארשידנאַרטיקייט עס געפינט זיך ביי אונדז. מיר האָבן פרומע מיטגלידער: אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואטיווע, רעקאָנסטראָקציאָניסטן און מסתמא אויך רעפאָרמער. מיר האָבן פארברענטע ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן, טעריטאָריאַליסטן און פארשידענע מינים סאָציאַליסטן. און ווען עס קומט סוף־כל־סוף צו יידישיסטן, האָבן מיר פאַנאַטיקער ווי אויך מיטלמעסיקע. מיר האָבן אמאָל מורא געהאַט, אז אזוי פיל פארשידנאַרטיקייט וועט זיך נישט קענען פאראייניקן אונטער איין דאַך, אָבער עס ווייזט זיך ארויס, אז מאַמע־לשון איז גענוג גרויס ארייננצונעמען אלעמען, אפילו די וואָס זענען אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט.

איך האָב פריער דערמאָנט ...י באַריכטן וואָס מען גיט אָפּ ...יים צוזאמענפאָר. יעדער יוגנט

אָפיציעלער צווייג פון דער באַוועגונג. אָבער ווי אַן אָפיציעלער טייל פונעם יוגנטרוף האָט איר התחייבותן נישט נאָר צו דער אלגעמיינער יידישער וועלט, נאָר אויך ספּעציעלע התחייבותן צום צענטראַלן קאָמיטעט אין ניו־יאָרק. איך רעד דאָ וועגן געלט. א זשורנאַל ווערט נישט געדרוקט מיט אידעאַלן נאָר מיט פּאַפּיר. פּאַפּיר קאָסט געלט, דרוקן, ארויסשיקן קאָסט געלט. איר מוזט אונדז ארויסהעלפן. שאַפט אַבאָנענטן אוןביישטייערונגען פארן יוגנטרוף, אין קאַנאַדער דאָלאַרן רעכענען מיר $2.25 א יאָר (פאר פיר נומערן) און $1.25 פאר יוגנטלעכע. איך ווייס ניט צי אייער דאָלאַר (איר ארבעט איצט אויף דאָלאַרן, ניין?) איז גלייך צו אונדזערן. דאַרפט איר אליין אויסרעכענען וויפל דאָס קומט אויס אין אייער געלט. די נעמען פון אלע אַבאָנענטן וואָס גיבן איבער $2.25 ווערן געדרוקט אינעם זשורנאַל. איינצלנע קאָפּיעס פארקויפן זיך פאר 50 סענט און 25 סענט פאר יוגנטלעכע. שרייבט אונדז וויפל עקזעמפּלארן איר ווילט באקומען. אין מאָנטרעאָל און ניו־יאָרק פארקויפן מיר דעם י״ר ביי אלע יידישע קולטור־אונטערנעמונגען. נישט נאָר כאַפּט זיי דער עולם אויף ווי לאַטקעס, נאָר אונדזער נאָמען ווערט אויך אזוי פארשפּרייט.

איך בין געווען זייער איבערראַשט צו זען מיין ערשטן בריוו צו אייך געדרוקט אין סידנעיער יידישע נייעס. א האַרציקן דאַנק אייך פארן כבוד וואָס איר גיט מיר אָפּ. צי קומט עס מיר?

אין לערן זיך איצט אין אַן אוניווערסיטעט אין די פאראייניקטע שטאַטן. איך גיב דאָ קורסן פון יידיש־קאָנווערסאַציע דורך דער הלל־פונדאַציע. דער קלאַס האָט 32 תלמידים.

צווישן זיי זענען דאָ אזעלכע, וואָס הערן יידיש אין דער היים (איינע פון זיי, פון פּוילישע עלטערן, האָט זיך נישט געקענט צוגעוווינען צו מיין „ליטעראַרישן יידיש"), אָבער ס׳רוב זענען יונגע לייט וואָס פילן א צוגעבונדנקייט צו מאַמע־לשון און צו דער יידישער קולטור.

איינער פון זיי האָט מיר פארזיכערט, אז ער וועט מיט זיינע קינדער רעדן יידיש. דאָס ווייזט אונדז, אז ביי טייל יונגע יידן געפינט זיך א בענקשאַפט צוריקצוגיין צו די וואָרצלען. ביי א סך ווערט די בענקשאַפט אויסגעדריקט אין אַן אומקערן זיך צו דער רעליגיע, ביי אנדערע — צו דער יידישער פאָלקסשפּראַך. דער יוגנט־רוף מוז ווערן דער אדרעס צו וועלכן די דאָזיקע יונגע לייט זאָלן קענען קומען. מיט אונדזער ליבע צו די יידישע קולטור־ווערטן קענען מיר זיי דערוואַרעמען. מיר קענען זיי געבן א קולטור־ירושה

פון פרײַטיק, דעם 6טן אויגוסט 1965



# „יוגנטרוף" ידיעות

רעדאקציע „יידישע נייעס",
מעלבורן.

חשובער פריינד י. רובינשטיין,

מיר בעטן אייך אָפּדרוקן אונדזערע „ידיעות" אין נאָענטסטן נומער סידנעיער „יידישע נייעס", און מיר דאַנקען אייך אין פאָרויס.

מיר בעטן אויך איבערדרוקן דעם בריוו וואָס מיר האָבן באַקומען פון דוד ראָסקעס, דער פאָרזיצער פון „יוגנטרוף" אין מאָנטרעאַל.

מיט דרך ארץ
בעלא זינגער.

סידנעי, 27 יולי 1965.

זונטיק, דעם 18טן יולי האָבן מיר געהאַט אונדזער חודשלעכן צוזאמענטרעף. מיר האָבן געהאַט א רעפעראט פון הרב אבראַמסאָן, אויף דער טעמע: „וואָס איז יידישקייט". אַנדערהאַלבן שעה האָט הרב אבראַמסאָן אויפגעוויקלט פאר די בחורים און מיידלעך פון „יוגנטרוף" זיינע מחשבות און אידעען. אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און מיר זענען אלע געווען זייער צופרידן פון זיין רעדן. מיר האָבן געפילט, איז מיר האָבן עפּעס געלערנט. אין די שולן און אוניווערסיטעטן לערנען מיר דאָך נישט וועגן יידישקייט און נאָר דורך לייענען און פון אזעלכע רעפעראטן קענען מיר געוווירווערן.

זונטיק, דעם 22טן אויגוסט טרעפן מיר זיך ווידער צוזאַמען, מיר וועלן האָבן א רעפעראט פון מ. אלעקסאנדער אויף דער טעמע: „וואָס מיינט וועלטלעכע יידישקייט".

שבת, דעם 28טן אויגוסט אין אָוונט, וועלן זיך אלע „יוגנטרופלער" טרעפן אין דער קאָנסערוואטאָריע אויפן שמעון דזשיגאַן אָוונט. דער „פאָלקס־צענטער" גיט די יוגנטרופלער הנחה־בילעטן צו 10 שילינג א פּלאַץ, און מען זאָגט אונדז צו גוטע ערטער. ווילן מיר דאָ באַצייטנס דאַנקען דער פארוואַלטונג פונעם „פאָלקס־צענטער" פאר דער פריינדלעכקייט און גוטע באַציאונג צום „יוגנטרוף". מיר זענען זיכער, אז קיין שום „יוגנטרופלער" וועט נישט אדורכלאָזן די טייערע געלעגנהייט הנאה צו האָבן פון דעם וועלטבאַרימטן יידישן און קינסטלערישן אָוונט. קינד און קייט קען דאָך דעם נאָמען שמעון דזשיגאַן.

אונדזער סעקרעטאַרין וועט

ער אין געוויסע הינזיכטן א סך, א סך בעסער. למשל, איר טוט אלץ אליין, און כמעט אלע באַטייליקן זיך אין יעדער זיצונג. הייַיאָר האָבן מיר זיך צו פיל פארלאָזט אויף גאַסט־רעדנערס, און ווען מיר האָבן יאָ געהאַט אן אלגעמיינע זיצונג, האָבן נאָר עטלעכע אָנטיילגענומען אין איר. אויפן סמך פון אייערע קורצע באַריכטן וועלן מיר אריינברענגען עטלעכע וויכטיקע שינוים אין אונדזערע פּראָגראַמען: פארגעסט נישט, אז דער „יוגנטרוף" איז (אָפיציעל) נאָך נישט א יאָר אַלט, און מען קען נישט דערוואַרטן, אז אלץ זאָל גיין גלאַטיק גלייך פון אָנהייב.

דער „יוגנטרוף" איז איינע פון די איינציקע באַוועגונגען היינט־צוטאָג וואָס קען באמת איבערקערן די יידישע וועלט. פּאָטענציעל זענען מיר גאָר א שטאַרקע באַוועגונג. צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע רעדן יידיש אויף דער וועלט. אונדזער אַרבעט איז צו מאַכן פונעם יידיש־רעדן, א יידישע אידעאָלאָגיע. ווייל דער קאַמף פאר מאַמע־לשון איז דאָך א קאַמף פאר א קולטור, א ליטעראַטור, א שטייגער־לעבן. דער קאַמף פאר יידיש איז גלייכצייטיק א קאַמף קעגן אסימילאַציע, און א קאַמף פאר יידישער באַוווסטזיניקייט. מיר דאַרפן קעמפן אויף צוויי פראָנטן: קעגן די יידיש־רעדער וואָס ווילן פארשוועכן און פארגעסן אונדזער טייערן לשון, און קעגן די וואָס קענען נישט קיין יידיש, און ווילן אין זייער לעבן נישט הערן קיין יידיש וואָרט. אונדזער אידעאַל קענען מיר נישט דערגרייכן, און אפשר דערפאר וועט אונדזער באַוועגונג ווערן שטאַרקער און מער אידעאַליסטיש פון יאָר צו יאָר. אָבער טעאָריעס זענען נישט די וויכטיקסטע זאכן. וויכטיק איז, אז רער ציל זאָל זיין דער זעלבער — בלייבן יידן, און בלייבן שטאָלצע יידן. מיר אין „יוגנטרוף" פילן, אז יידיש איז איינע פון די בעסטע מיטלען צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. אייניקע פון אונדז וועלן אָננעמען יידיש פאר אונדזער קאַריערע, (ווערן יידישע לערער, פּראָפעסאָרן, פילאָלאָגן, וויסנשאַפטסלייט, שרייבער, דיכטער, זשורנאַליסטן, קולטור־טוער און אפשר אפילו יידישע פילם־רעזשיסערן — מיין אידעאַל). אַנדערע וועלן דערגרייכן דעם ציל

דעם 3טן אפריל 1966

...עכע" — זונטיק,

מיר האָבן געפילט, איז מיר האָבן עפּעס געלערנט. אין די שולן און אוניווערסיטעטן לערנען מיר דאָך נישט וועגן יידישקייט און נאָר דורך לייענען און פון אַזעלכע רעפעראַטן קענען מיר געוווּיר ווערן.

זונטיק, דעם 22טן אויגוסט טרעפן מיר זיך ווידער צוזאַמען, מיר וועלן האָבן א רעפעראַט פון מ. אַלעקסאַנדער אויף דער טעמע: „וואָס מיינט וועלטלעכע יידישקייט".

שבת, דעם 28טן אויגוסט אין אָוונט, וועלן זיך אַלע „יוגנטרופלער" טרעפן אין דער קאָנסערוואַטאָריע אויפן שמעון דזשיגאַן אָוונט. דער „פאָלקס־צענטער" גיט די יוגנטרופלער הנחה־בילעטן צו 10 שילינג א פּלאַץ, און מען זאָגט אונדז צו גוטע ערטער. ווילן מיר דאָ באַצייטנס דאַנקען דער פאַרוואַלטונג פונעם „פאָלקס־צענטער" פאַר דער פריינדלעכקייט און גוטע באַציאונג צום „יוגנטרוף". מיר זענען זיכער, אַז קיין שום „יוגנטרופלער" וועט נישט אַדורכלאָזן די טייערע געלעגנהייט הנאה צו האָבן פון דעם זעלטענעם יידישן און קינסטלערישן אָוונט. קינד און קייט קען דאָך דעם נאָמען שמעון דזשיגאַן.

אונדזער סעקרעטאַרין וועט זיין בײם אַריינגאַנג אין קאָנסערוואַטאָריע־זאַל און אַלע יוגנטלעכע וועלן קענען ביי איר באַקומען די הנחה־בילעטן.

מיר רופן אַלע „יוגנטרופלער" זיי זאָלן נישט קומען אַליין, נאָר מיטברענגען מיט זיך יוגנטלעכע, בחורים און מיידלעך, פון רעכטס און לינקס, אַלעמען, וואָס פאַרשטייען — אפילו קוים — יידיש זיי וועלן נישט קיין חרטה האָבן.

בעלא זינגער

„יוגנטרוף" סעקרעטירין אין סידנעי

## א בריוו פון קאַנאַדע

דעם 4טן יולי, 1965.

טייערע אויסטראַליער יוגנטרופניקעס!

א יישר כוח אייך פאַר אייער וווּנדערלעכן קאָמיטעט. אויף אַלע יידישע ישובים געזאָגט געוואָרן. ווען מען האָט מיר אָנגעזאָגט פון ניו־יאָרק, אַז אין סידנעי איז געשאַפן געוואָרן א „יוגנטרוף"־קאָמיטעט, בין איך שיער נישט משוגע געוואָרן פון פרייד. אָבער איך בין נאָך אַלץ נישט געווען זיכער מיט די דאָזיקע נייעס, ביז וואַנען איך האָב נישט דערהאַלטן אייערע באַריכטן געדרוקט אין „אויסטראַלישע יידישע נייעס". ווי איר ווייסט מסתמא, האָבן מיר דערווייל פיר קאָמיטעטן: אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, מאָנטרעאָל און סידנעי. כאָטש אייער קאָמיטעט איז א העלפט די גרייס פון אונדזערער, איז

פאַר א קולטור, א ליטעראַטור, א שטייגער־לעבן. דער קאַמף פאַר יידיש איז גלייכצייטיק א קאַמף קעגן אַסימילאַציע, און א קאַמף פאַר יידישער באַוווּסטזיניקייט. מיר דאַרפן קעמפן אויף צוויי פראָנטן: קעגן די יידיש־רעדער וואָס ווילן פאַרשוועכן און פאַרגעסן אונדזער טייערן לשון, און קעגן די וואָס קענען נישט קיין יידיש, און ווילן אין זייער לעבן נישט הערן קיין יידיש וואָרט. אונדזער אידעאַל קענען מיר נישט דערגרייכן, און אפשר דערפאַר וועט אונדזער באַוועגונג ווערן שטאַרקער און מער אידעאַליסטיש פון יאָר צו יאָר. אָבער טעאָריעס זענען נישט די וויכטיקסטע זאַכן. וויכטיק איז, אַז דער ציל זאָל זיין דער זעלבער — בלייבן יידן, און בלייבן שטאָלצע יידן. מיר אין „יוגנטרוף" פילן, אַז יידיש איז איינע פון די בעסטע מיטלען צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. אייניקע פון אונדז וועלן אָננעמען יידיש פאַר אונדזער קאַריערע, (ווערן יידישע לערער, פּראָפעסאָרן, פילאָלאָגן, וויסנשאַפטסלייט, שרייבער, דיכטער, זשורנאַליסטן, קולטור־טוער און אפשר אפילו יידישע פילם־רעזשיסערן — מיין אידעאַל). אַנדערע וועלן דערגרייכן דעם ציל אויף א פּערזענלעכן אופן: דורך רעדן יידיש מיט אונדזערע קינדער (וועגן דעם איז נאָך דאָ א סך צייט צו רעדן), דורך אַליין לערנען אין יידישע לערנאינסטיטוציעס, דורך לייענען און שרייבן יידיש אאַ"וו אאַ"וו.

איינע פון די אומאָפיציעלע פּרינציפּן פונעם „יוגנטרוף" איז דאָס אָננעמען פון דעם איינהייטלעכן יידישן אויסלייג (צוזאַמענגעשטעלט פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, און פון די ציש"אָ־שולן אין פוילן אין 1937). דער אויסלייג ווערט גענוצט אין „די גאָלדענע קייט", אין „אויפן שוועל", אינעם „יוגנטרוף", אין די „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור", און אין אַלע אויסגאַבעס פונעם פאַרלאַג „דער קוואַל" און פונעם ייוואָ. איך בין זיכער, אַז איך וועל דערלעבן דעם טאָג, ווען קיין איין יידישע אויסגאַבע וועט נישט שרייבן „אידיש", נאָר „יידיש", נישט „שוהל" נאָר „שול", נישט „וואו" נאָר „ווו", נישט „באַציאונג" נאָר „באַציונג", און א סך, א סך אַנדערע. די תקנות פונעם יידישן אויסלייג זענען נישט ווילדע משוגענע אויסטראַכטעניש פון פאַרביטערטע פילאָלאָגן. זיי זענען א רעזולטאַט פון פופציק יאָר פאָרשונג, זיי זענען כמעט אין אַלע פאַלן געבויט אויף דער טויזנט־יאָריקער טראַדיציע פון יידישן אויסלייג

און וויכטיקער פאַר אַלץ: דער אויסלייג איז איינהייטלעך און ווי מעגלעך פּאָנעטיש. נו, גענוג וועגן דעם.

איך שיק אייך צו עטלעכע אויסשניטן פונעם „קענעדער אָדלער", עטלעכע פון אונדזערע פאַרבעטונגען פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר, א קאָפּיע פונעם פּרעגבויגן אויסגעטיילט אויפן ערשטן יערלעכן צוזאַמענפאָר, און די אָריגינעלע קאָפּיע פון אונדזער קאָנסטיטוציע. מאַכט זיך אַן אַרכיוו פון „יוגנטרוף"־מאַטעריאַל. איך האָב שוין אָנגעפילט הונדערט זייטן מיט אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און אַנאָנסן וועגן דעם „יוגנטרוף". מען קען שוין פילן, אַז מיר ברענגען אַריין פרישע לופט אין דער פאַרשימלטער יידיש־רעדנדיקער וועלט. לאָמיר זיך נישט אָפּנאַרן: די לאַגע פון אונדזער קולטור איז א שווערלעכע.

שטרויכלונגען לויערן אויף אַלע זייטן. לאָמיר האָפן, אַז מיר זענען נישט געקומען צו שפּעט, און אַז מיר קענען נאָך ראַטעווען די לאַגע.

זייט מיר אַלע געזונט און שטאַרק. דער מאָנטרעאָלער „יוגנטרוף"־קאָמיטעט גריסט אייך האַרציק.

אַל דאָס גוטס,

דוד־הירש ראָסקעס

„יוגנטרוף" סעקרעטאַרין אין סידנעי